בעזהשי"ת

קונטרס

# שפתי קודש

## וילך - שובה

•

## מוצאי יום כיפור

פה קרית טאהש יצ"ו
ע"י וועד להוצאת דא"ח מאת רביה"ק זי"ע

להשיג הקונטרס או לנדב יש לפנות אל:

**הר"ר נתנאל מאיר הערשקאוויטש שליט"א**

**514-518-6853**

**או אל בנו**

**ר' אליעזר צבי הערשקאוויטש ני"ו**

**438-920-4312**

## הכנה ליום כיפור

### - א -

**וילך משה וידבר את הדברים האלה אל כל ישראל, ויאמר אליהם בן מאה ועשרים שנה אנכי היום לא אוכל עוד לצאת ולבוא.** זאגט רש"י הק', לא אוכל עוד לצאת ולבוא, יכול שתשש כחו תלמוד לומר לא כהתה עינו ולא נס ליחה, אלא מהו לא אוכל איני רשאי, שנטלה ממני הרשות ונתנה ליהושע. נאכדעם זאגט רש"י הק', דבר אחר, לצאת ולבא בדברי תורה, מלמד שנסתמו ממנו מסורות ומעיינות החכמה.

**זאגן** די ספרים הק', משה רבינו ביום פטירתו, איז דאך געווען אין די גרעסטע מדרגה, די גרעסטע השגה, ווי קען זיין אזא זאך, שנסתמו ממנו מעיינות החכמה. און רש"י הק' זאגט דאך אליין פריער, אז ס'איז נישט געווען תשש כחו, לא כהתה עינו ולא נס ליחה, זיין גוף איז גארנישט שוואכער געווארן, אודאי נישט זיין השגות התורה.

**נאר** מ'דארף אין יעדע זאך פארשטיין טיפער, די גמרא זאגט דאך (נדרים לח.) אז משה רבינו האט משיג געווען ניין און פערציג שערי בינה, דעם פופציגסטן שער האט ער שוין נישט משיג געווען, די שער הנון מיינט דאך דער באשעפער אליין (ר"ן שם), ביים לעבן קען דאס א מענטש נישט משיג זיין, נאר ביום פטירתו האט ער עס משיג געווען, עלה אל הר נבו, איז נוטריקון נון בו, אבער דאס האט ער נישט געקענט איבערגעבן, פארן עולם האט ער נישט געקענט מסביר זיין דעם פופציגסטן שער.

**דאס** איז פשט, שנסתמו ממנו מעיינות החכמה, ער האט דעמאלטס פארשטאנען א זאך וואס דארף זיין באהאלטן, פארשטעלט, סתימו דסתימין, דאס טאר מען נישט איבערגעבן. דאס טייטש לא אוכל עוד לצאת ולבוא, ווי רש"י זאגט קודם, לא מפני שתשש כחו, אלא שאיני רשאי, דאס טאר מען נישט מגלה זיין, דער מאור עינים איז עס מסביר, און אלע ספרים הק'.

**אזוי** דארף מען אפלערנען א פסוק מיט א רש"י, מ'דארף אלץ אריינקוקן טיפער אין א זאך. ס'שטייט אין תיקוני זוה"ק (פב.), אויב א מענטש זאגט אז ס'איז דא אין די תורה נאר פשטות, ער גלייבט נישט אז ס'איז דא אין יעדע זאך טיפער, קבלה, סתרי תורה, איז בעסער ער וואלט נישט געבארן געווארן אויף די וועלט. אויף דעם איז געקומען דער בעל שם, ער האט מסביר געווען די תורה אזוי, אז מ'זאל די טיפע זאכן אויך קענען פארשטיין. דער אר"י הק' האט גערעדט באהאלטן, און דער בעל שם האט עס אהערגעגעבן, עס אריינגעברענגט אינעם פארשטאנד. דער קאמארנער זי"ע ברענגט

אין מגילת סתרים, אז דער אר"י הק' האט זיך כסדר באוויזן צום בעל שם, אמאל האט אים דער בעל שם געפרעגט, פארוואס ער האט גערעדט זיינע ווערטער אזוי באהאלטן, האט ער אים געענפערט, אז ער איז נישט אנגעקומען עס מסביר צו זיין, ווען ער וואלט געלעבט נאך צוויי יאר וואלט אלעס געווען מתוקן. דער בעל שם האט דאס משלים געוועזן, מסביר צו זיין די דברי האר"י, מ'זאל זעהן אין יעדע זאך די נסתר שבו.

**על** כל פנים, זאגט משה רבינו לא אוכל עוד לצאת ולבוא, נישט וועגן דעם ווייל ער האט נישט קיין כח געהאט, נאר ווייל ער איז געווען אין א גרויסע מדרגה, ער האט משיג געווען א זאך, וואס האט געדארפט בלייבן סתום פון יודן, דאס איז טייטש שנסתם ממנו, ער אליין האט עס משיג געווען, אבער פארן עולם האט ער עס נישט געקענט אראפגעבן, ווייל ס'איז נאך נישט געווען די צייט אויף דעם דעמאלטס. משה רבינו האט געוואלט זייער אריינברענגען די יודן קיין ארץ ישראל, דעמאלטס וואלט ער זיי געקענט מגלה זיין דעם שער הנון אויך, און ס'וואלט געווען דער תיקון השלם, דער אייבערשטער האט אבער געזאגט אז ס'איז נאכנישט די צייט. לעתיד לבוא וועט ער אונז דאס מגלה זיין, דעמאלטס וועט משה רבינו קומען און ווייטער לערנען מיט אונז, ווי ס'שטייט אין תיקוני זוה"ק (קיז.), אז משה איז נוטריקון פונעם פסוק (קהלת א ט) מ'ה ש'היה ה'וא ש'יהיה. און דער רבי ר' אלימלך זי"ע זאגט אין פרשת האזינו, משה רבינו זאגט, האזינו השמים ואדברה, א לשון עתיד, דאס גייט ארויף אויף לעתיד לבוא, דעמאלטס וועט משה רבינו ווייטער רעדן, ער וועט קומען מגלה זיין די פנימיות התורה.

- ב -

**אבער** כאטש ער האט עס נישט געקענט איבערגעבן דעמאלטס פאר יודן, ווייסט מען דאך אבער, אז אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא, יעדער יוד האט אין זיך דער כח פון משה, ממילא דער כח וואס משה רבינו האט דעמאלטס משיג געווען, שיינט אין יעדן יוד, ס'איז באהאלטן טאקע, ס'איז סתום, אבער ס'ליגט ביי יעדן יוד אין הארץ, מיט דעם כח קען יעדער יוד משיג זיין די תורה, און זיין דבוק צום אייבערשטן.

**יעצט** שטייען מיר אין די ימי התשובה, דער כח פון תשובה איז אויך אזוי, דער אייבערשטער שיינט אריין אין הארץ פון יעדן יוד, ער שיקט אריין אין אים א התעוררות צו תשובה, יעדן טאג גייט ארויס א בת קול, שובו בנים שובבים, און מי פתי יסור הנה, כאטש דער מענטש הערט עס נישט, קודם כל זענען דא וואס הערן עס יא, און איינער ווערט נתעורר פונעם אנדערן, און אפילו די וואס הערן עס נישט, הערט

עס אבער די הארץ, ס'לייכט און שיינט, ס'וועקט אויף דעם מענטש, די נשמה זאגט אים, ס'טוט אים מעורר זיין צו תשובה.

**דאס** איז א גאנץ יאר, כל שכן אין די טעג, ווערט עקסטער נתעורר א כח פון הימל צו תשובה, און שבת שובה נאך מער ווי אלע ימי תשובה. שבת איז אליין א זמן תשובה, שבת איז אותיות תשב, תשב אנוש עד דכא, כל שכן דער שבת פון די ימי תשובה, איז עקסטער דא א גרויסע כח פון תשובה, פארדעם הייסט עס שבת שובה.

**מ'קען** מסביר זיין מער, וואס עס איז דער כח התשובה פון דעם שבת, לויט ווי די ספרים הק' זאגן, אויף דעם וואס יום כיפור ווערט אנגערופן אין די תורה שבת שבתון, ווייל דאס איז דער שורש פון אלע שבתים, אלע שבתים פונעם יאר נעמען זייער כח פונעם הייליגן טאג, שבת אליין איז גענוג גרויס, אבער ער נעמט זיין שפע פון יום הקדוש. קומט אויס, אז דער שבת, שבת שובה, איז דער לעצטער שבת, וואס נעמט די שפע פון פאר א יאר יום הקדוש, האט ער נאך דעם כח פון תשובה, פון פאר א יאר יום הקדוש, און ער האט אויך דעם כח פון דאס יאר יום הקדוש, יעצט יום הקדוש וועט קומען א נייע שפע, און דאס ליגט שוין אינעם שבת דערפריער, קומט אויס אז דער שבת האט א דאפלטער כח פון תשובה.

**דארפן** מיר זיך אויפוועקן, מאכן א הכנה צום הייליגן טאג, איך זאג פאר מיר, פאר די בחורים, פאר די יונגעלייט, די אלטע לייט, ס'איז שבת שובה געוואלד, שובה ישראל עד ה' אלקיך, ס'איז די לעצטע שבת פון די השפעה, וואס דער הייליגער טאג האט געגעבן פאר יאר, און ס'קומט ווייטער דער הייליגער טאג, ס'וועט ווייטער געבן פארן גאנצן יאר. פאר די שבתים, און פאר אלע טעג פון די יאר אויך, ווי דער מאור עינים ברענגט אין פרשת האזינו, אז ראש השנה איז דער קאפ פון די קומת השנה, די שנה איז ווי א קומה שלימה, ס'האט רמ"ח אברים ושס"ה גידים, ראש השנה איז דער קאפ, און יום הקדוש איז די נשמה פון די יאר, די גאנצע יאר שעפט דאס חיות פון דעם טאג.

**דארף** מען מאכן א גוטע הכנה, מ'זאל קענען מקבל זיין די שפע פונעם הייליגן טאג, אלעם וואס עס טוט זיך אפ יום הקדוש, אלע מצות וואס מ'איז מקיים אין דעם טאג, האט מיטן גאנצן קומענדיגן יאר צו טון. און יום הקדוש איז א טאג וואס דער גרעסטער פושע קען נתעורר ווערן, אויב וויל ער זיין א יוד, קען ער פון דעם טאג קומען צו דעם. דער שינאווער רב זי"ע, פלעגט אלץ ערב יום הקדוש פארציילן די מעשה, אז ס'איז געקומען א יוד, נעבעך א פראסטער מענטש געווען, זייער שוואך אין יודישקייט, זיין מסחר איז געווען עפעס נאנט צו סטרעליסק, איז אים אויסגעקומען צו

זיין דארט, ער האט שוין נישט געקענט אוועקפארן. האט ער געזאגט, דאוועגען צום רבין ווייסט ער נישט צו ער וועט קומען, צום טיש איז ער קודם געקומען ערב יוה"ק, האט ער געזעהן מ'האט געגעבן ביים טיש צו עסן אסאך, ס'איז געווען א זאק מיט בארן, מ'האט געטיילט בארן און געטרונקן מעיד, האט ער געזאגט, דער רבי מיט די חסידים זענען אלע שיכורים.

**ס'איז** געקומען פאר כל נדרי, האט ער נישט געוואלט דאווענען אין דעם בית המדרש, צום סוף איז ער יא געקומען, ער איז שוין געווען דארט א שעה דערפריער, און ער זעהט דער רבי קומט נאכנישט, האט ער געזאגט, דער רבי שלאפט אודאי, ער האט אסאך געטרונקן, אסאך געגעסן. ווען דער רבי איז געקומען, האבן אים אנגעכאפט צוויי מענטשן, אזוי איז ער אריינגעקומען, דער הייליגער סטרעליסקער. האט דער יוד געזאגט, זעהט עטץ, ער לאַנט זיך אן, ווייל ער איז אנגעטרונקן, אזוי פראסט איז ער נעבעך געווען. אבער אזוי ווי דער סטרעליסקער איז געקומען אין פאליש אריין, האט ער געגעבן א געשריי: 'מה נורא המקום הזה אין זה כי אם בית אלקים'. אזוי ווי ער האט דאס געזאגט, איז אויף דעם יוד געפאלן א פחד, אז ער איז ארויסגעלאפן פון גרוים שרעק, נאכדעם איז ער צוריק אריינגעקומען, ער איז שוין נישט געווען דער זעלבער מענטש, און דורכן טאג איז ער אליין געקומען נענטער צו תשובה. דער עיקר, אז ביי נעילה איז ער שוין געפאלן צו די פיס, ער האט שוין געברעטשעט (געוויינט שטאַרק), ער האט געשריגן געוואלד, ער האט שוין געשפירט געוואלדיג אז ער איז א זינדיגער מענטש, ער האט תשובה געטאן, און מ'האט געמאכט פון אים א לייט.

**דאס** איז דער כח פונעם הייליגן טאג, און דער כח פון צדיקים, זיי האבן געקענט מעורר זיין יודן צו תשובה. ביים פונעם הייליגן זלאטשובער צדיק זי"ע איז געווען א מעשה, ווען ער איז נאך אלט געווען צוויי און צוואנציג יאר, ער איז געווען דעמאלטס מגיד אין יאמפאלי, [א רב האט ער קיינמאל נישט געוואלט זיין, ס'איז ידוע, דער בעל שם האט אים אמאל אויסגעפרואווט, ער האט אים געהייסן ווערן רב און ער האט נישט געוואלט, האט דער בעל שם געזאגט, האסט ריכטיג געטאן, איך האב דיך נאר געוואלט אויספרואווען, צי דו וועסט זיך האלטן שטארק (תפא"ש דברים)]. על כל פנים, אין יענע צייט, האט רבי חיים צאנזער ז"ל פון בראדער קלויז, אים גערופן אמאל, ער זאל קומען זאגן מוסר פארן עולם, ס'איז געווען דעמאלטס שוואך דאס יודישקייט דארט, ס'האבן זיך נעבעך צוזאמגענומען פורקי עול וואס האבן אנגעהויבן פורץ גדר זיין. איז דער זלאטשובער צדיק געקומען אויף שבת, מ'האט אויסגערופן אז ער וועט זאגן א דרשה, דער זלאטשובער צדיק איז אריינגעקומען, זיך געשטעלט פאר א שטענדער, און אנגעלענט דעם קאפ א היבשע צייט, ער האט נאך גארנישט געזאגט.

אפאר יונגעלייט זענען ברוגז געווארן, ער האלט אויף דעם עולם אזוי לאנג, א יונגערמאן איז מטריח דעם גאנצן ציבור, זיי האבן געוואלט ארונטערשלעפן דעם שטענדער, איז רבי חיים צאנזער צוגעלאפן, נישט געלאזט. ווען דער זלאטשובער צדיק האט אויפגעהויבן דעם קאפ פון שטענדער, האט ער אנגעהויבן מיטן פסוק סוד ה' ליריאיו, און ער האט געטייטשט, ווען א יוד זינדיגט באהאלטענערהייט, איז דער אייבערשטער מגלה דעם סוד פאר די צדיקים, זיי ווייסן יעדער וואס ער האט געטון, און ער האט געזאגט אזא דרשה, ער האט דעם גאנצן עולם מחזיר בתשובה געווען, נישט סתם אזוי, ער האט אזוי אריינגעלאכטן, דער הייליגער זלאטשובער צדיק.

**דאס** איז געווען דער כח פון די צדיקים, זיי האבן געקענט צוברענגען יודן צו תשובה שלימה. כל שכן אום יום הקדוש, דער כח פון יום הקדוש אליין האט דאך דעם כח, אז אפילו איינער וואס איז זייער זינדיג, זאל קענען תשובה טון. ווי די גמרא זאגט (יומא פו.), ס'איז א פלוגתא, צי דער הייליגער טאג איז מכפר נאר לשבים, צי אויך לשאינן שבים, רבי זאגט, אז ס'איז מכפר לשאינן שבים אויך. פרעגן די ספרים הק', ווי קען זיין אזא זאך, לשאינן שבים זאל עס מכפר זיין, אז א מענטש טוט גארנישט קיין תשובה. זאגט דער מאור עינים, דער פשט איז אזוי, ס'זענען דא עבירות וואס מ'קען נישט מכפר זיין סתם אזוי, דער ענין פון פגם הברית איז זייער הארב, ס'ניצט נישט קיין תשובה, וואס הייסט ס'ניצט נישט, תשובה ברויך מען צו טון, און ס'ניצט, נאר מ'קען עס נאך נישט אינגאנצן מתקן זיין, מ'ברויך אויף דעם אסאך מער תשובה, אבער אינעם הייליגן טאג, קען מען עס פאררעכטן אינגאנצן, מיט א גאנצן תיקון, נישט פון זיך אליין, אויב מ'טוט תשובה. [און א גאנץ יאר קען מען אויך, אויב דער מענטש גיט זיך איבער, ער איז זיך מכניע פארן אייבערשטן, קען ער אינמיטן יאר אויך ברענגן דעם אור פון יום הקדוש, צדיקים האבן געקענט מאכן פסח דעם אור פון יום כיפור, און יום כיפור דעם אור פון פסח, זיי קענען ממשיך זיין אינדערוואכן דעם אור פון שבת]. זאגט דער מאור עינים, דאס איז דער טייטש וואס רבינו הקדוש זאגט, יום כיפור מכפר לשבים ולשאינם שבים, לשבים טייטש זאכן וואס ס'ניצט יא תשובה, און לשאינן שבים, זאכן וואס ס'ניצט נישט קיין תשובה, האט דער טאג דעם כח דאס מכפר צו זיין.

- ג -

**און** יעדער יוד דארף דאך צוקומען צו דעם, א מענטש ווייסט דאך נישט וואס ער האט אלץ אויף זיך, ער קען האבן פארשידענע זינד און ער זאל גארנישט וויסן, ער האט געמאכט פארשידענע פעלערס, אין פגם ברית הלשון און פגם ברית המעור, און ער האט גארנישט געכאפט, ס'איז געווארן פארוויישט, פארגעסן, ער ווייסט נישט, און

ס'קען זיין ער וועט קיינמאל נישט וויסן. איך זאג אלץ נאך, די משנה אין שבועות זאגט (ב.), אויף די שעירי ראשי חדשים ושל מועדות, מ'דערמאנט עס יעדן טאג פון מסכת זבחים, חטאת הצבור והיחיד, אלו הן חטאת הצבור שעירי ראשי חדשים ושל מועדות, זאגט די משנה אין שבועות, אויף וואס קומט דאס מכפר זיין, אויף טומאת מקדש וקדשיו, שאין בהם ידיעה לא בתחלה ולא בסוף, וואס דער מענטש ווייסט נישט די טומאה, און ער וועט עס נישט געוואר ווערן אויך נישט. קען זיין ס'שטייט אין אנדערע פלעצער אויך די משנה, איך געדענק עס פון דארט, איך האב עס געלערנט מיטן עולם, אין לאגער האב איך פארגעלערנט מסכת שבועות, זייט דעמאלטס געדענק איך עס.

**זעהט** מען פון דא, אז ס'זענען דא זאכן וואס דארפן א כפרה, באטש דער מענטש ווייסט נישט דערפון. דער קרבן תמיד איז געקומען אויף דעם יעדן טאג, מכפר צו זיין אויף די חטאים פון יודן וואס מ'ווייסט נישט, ווי דער מדרש זאגט (במד"ר כא כא), אז דער תמיד של שחר האט מכפר געווען אויף די עבירות פון ביינאכט, און דער תמיד של בין הערבים אויף די עבירות פון בייטאג, אויף וואס דער מענטש האט נישט געוואוסט בכלל אז ער האט עס געטון, ער זאל קענען ברענגן א קרבן דערויף.

**ממילא** דארף יעדער יוד ארייגלייגן אסאך כחות אין די טעג, זיך צוגרייטן צום הייליגן טאג גוט, ער זאל זוכה זיין צו ווערן געררייניגט. יעדער איינער זוכט תשובה צו טאן, יעדער זאגט ער וויל, ער דארף, ער וויל זיך איבערבעטן מיטן אייבערשטן, אבער טון טוט ער ווייטער דאס אייגענע, דער גוף פארשטעלט ווייטער, ער האט געוואלט, ער האט געמיינט, די טעג גייען, די טעג לויפן דורך, און ער יאגט זיך ווייטער, ער האט ווייטער נישט קיין צייט, קיין געדולד, צום לערנען, צום דאווענען. דער בעל דבר ארבעט אלץ, מ'זאל נישט האבן קיין צייט, מ'איז פארנומען מיט די טעלעפאנען, מ'האט מיך גערופן אהער און אהין, כסדר זענען דא פארדרייעניש. דער באשעפער האט באשאפן די וועלט, מ'זאל זיין פארנומען מיט תורה און מצות, מיט אהבת ה' און אהבת התורה, נישט מיט קיין נארישקייטן. א מענטש ברויך טאקע האבן פרנסה, אבער נישט אז וועגן דעם זאל ער פארקויפן דאס דאווענען און דאס לערנען, ווען ס'קומט צום דאווענען, אדער צום לערנען, איז אים דער קאפ שוין נישט דארט. דאס טייטש פרנסה, דאס איז א וועג (בתמיה).

**אז** דער מענטש וויל, קען ער אויסארבעטן אזוי, ער זאל נישט זיין אזוי פארטון אין די געלט, ער זאל יא האבן א קאפ צום לערנען און צום דאווענען, צוביסלעך קען דאס דער מענטש צושטעלן. דער עיקר יסוד פון א יוד איז דאך, אז יעדע דבר שבקדושה וואס ער טוט, זאל ער זיין דערין מיט אלע חושים, ווען א מענטש ציילט געלט, נעמט

ער גארנישט אינאכט וואס ס'טוט זיך ארום אים, ער איז אינגאנצן דערינען, מיטן גאנצן מוח גיט ער אכט ער זאל נישט פארפעלן, ער זאל עס גוט איינטיילן. די תורה איז דאך מער פון דעם, טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף, אלפי זהב וכסף איז גארנישט ווערד, לגבי די תורת פיך, ס'איז גארנישט קעגן דעם, דארף מען דאך זיין צוגעבונדן צו דעם, כאטש אזוי ווי מען איז צוגעבינדן צו כסף וזהב, דער באשעפער פארלאנגט די תורה ומצות זאלן זיין אסאך מער, עד אין לשער.

**דער** בעל שם האט דאס כסדר געלערנט, אז ביי יעדע זאך קוקט מען אויבן, ווי ווייט דער מענטש איז צוגעבינדן, ער איז דבוק דערצו. דער בעל שם איז נישט געקומען זאגן א נייע זאך, וויפיל מאל שטייט עס אין די תורה, ובו תדבק, ולדבקה בו. נאר דער בעל שם טוב האט מגלה געווען דעם חלק פון די תורה מער, אין יעדן דור זענען געווען פארשידענע חלקים פון די תורה וואס מ'האט געדארפט מגלה זיין, יעדן דור אנדערע חלקים. דעם בעל שם האט מען געשיקט אויף דער וועלט, מסביר צו זיין דעם חלק, וויבאלד די גאולה שלימה מוז דאך שוין זיין, האט מען אים געשיקט, ער זאל מסביר זיין ווי אזוי מ'קען דאס ברענגן, דורך דביקות קען מען דאס ברענגן. איידער מ'איז מעביר די סדרה, זאגט מען צוויי מאל דעם פסוק, ואתם הדבקים בה' אלקיכם, צו לערנען דעם מענטש, אז דער תכלית פון די תורה איז, ס'זאל זיין מיט א דביקות צום אייבערשטן, אז ס'איז דא דביקות, חיים כולכם היום, לעבט מען, איז דא אין די תורה, די נשמה, די חיות, די אור, אז ס'האט א חיות, איז עס פרחא לעילא.

- ד -

**און** נישט נאר בשעת תורה ותפלה דארף מען זיין דבוק, מ'דארף זיך געוויינען צו זיין דבוק צום אייבערשטן שטענדיג, א גאנצן טאג, אלע ספרים זאגן, אז אין די צוויי חדשים, אלול און תשרי, דארף מען א געוואלד כח אריינלייגן, ס'זאל נקבע ווערן אין הארץ אז ס'איז דא א באשעפער, יעדער ווייסט אז ס'איז דא א באשעפער, אבער דער אייבערשטער פארלאנגט מ'זאל זיין דבוק צו אים. דאס קען מען נישט אויף איינמאל, אויף דעם דארף מען אריינלייגן כחות אין עבודת התפלה, תפלה איז א לשון פון נפתולי אלקים נפתלתי, א לשון פון דביקות, דורך תפלה קען א מענטש א גאנצן טאג זיין באהאפטן, הלואי שיתפלל אדם כל היום כולו, איז טייטש, ער זאל א גאנצן טאג זיין דבוק צו דעם וואס ער האט פארשטאנען ביים דאווענען, ביים לערנען זאל ער דאס אויך שפירן, דארף מען דאך אויף דעם זיך אפשטעלן פון אלע טרדות, ווי קען דער מענטש זיין באהאפטן, אויב ער האט ווייטער נישט קיין צייט, און ער האט ווייטער נישט אינזין וואס ער רעדט.

**די** קלענסטע דרגא פון תפלה איז, מ'זאל קומען באצייטענס, דאווענען אין א סידור'ל, און נישט יאגן איינער דעם אנדערן, און מ'זאל אינזין האבן וואס מ'רעדט. ווען א יוד דאווענט, אדער ער מאכט א ברכה, טאר ער דאך נישט אינזין האבן קיין אנדערע מחשבה, ווי קען זיין, ער זאגט און ער האט נישט אינזין וואס ער זאגט. דאס איז די דאווענען אליין, און אויסער דעם זאל ער א גאנצן טאג זיין דבוק צו דעם דאווענען, ער זאל דאס אינזין האבן פארן דאווענען און דערנאך, אלעס וואס ער טוט זאל זיין אזוי ווי תפלה, ער זאל א גאנצן טאג רעדן צום אייבערשטן, דורך תורה, דורך תפלה, דורך הרהורי תשובה. אז ער ברויך ארויסצוגיין צו מסחר, זאל ער שוינען, ער זאל די דביקות נישט פארלירן, ס'זאל אים זיין טייער, אזוי ווי א מענטש ארבעט א גאנצע וואך שווער, איז אים טייער דאס געלט, ער שוינט עס, ער ברויך האבן צו לעבן דערפון א גאנצע וואך, אדער א גאנצע חודש, אזוי זאל אים דער קאפ גיין אויף די דביקות צום אייבערשטן, ער זאל עס נישט פארלירן.

**ביי** די ברכות פון בלעם שטייט, מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל, אהליך איז א עראי זאך, א אהל איז געווענדליך א אהל עראי, איינער וואס איז דבוק צום אייבערשטן נאר אמאל, ער איז בבחינת אהליך, דער איז בבחינת יעקב, יעקב איז מלשון עקב, דער סוף, דאס מיינט א קליינע מדרגה, ס'איז אויך גוט, מה טובו, אבער דאס איז נאר א קליינע מדרגה. משכן איז א אהל קבע, דער תכלית פון א יוד איז, ס'זאל זיין משכנותיך, די שכינה זאל אלץ רוען ביי אים, ער זאל אלץ זיין באהאפטן, כסדר זאל ער זיין גרייט צו השראת השכינה, נישט נאר אמאל, דער איז בבחינת ישראל, ישראל איז א גרויסע מדרגה, ס'איז נוטריקון ישר אל, און לי ראש.

**אויף** דעם זאגט מען יעדן טאג, אבל אנחנו עמך בני בריתך, עדת יעקב בנך בכורך, שמאהבתך שאהבת אותו ומשמחתך ששמחת בו קראת את שמו ישראל וישורון, מחמת גרויס אהבה האט אונז דער אייבערשטער אנגערופן ישראל, אונז זאל מיר קענען צוקומען צו די בחינה פון משכנותיך ישראל, מ'זאל זיין כסדר באהאפטן צו אים. און ישורון איז נאך א גרעסערע מדרגה, ס'איז מלשון שיר, אז דער מענטש איז פול מיט שבח והודאה, ער זינגט כסדר צום אייבערשטן, הייסט ער ישורון, שיר ברענגט צו א שטארקע דביקות, ביים לערנען אז מ'קען לערנען מיט א ניגון, איז עס חשוב'ער, ווייל ס'ברענגט צו דביקות.

- ה -

**זאל** מען זעהן מ'זאל נישט דורכלאזן די עשרת ימי תשובה, מ'זאל נישט דורכלאזן די מתנה, די תשובה וואס מ'ברויך צו טאן זאל מען נישט ארויסלאזן פון די האנט,

איצט איז די צייט וואס מ'ברויך זיך באהעפטן צום אייבערשטן אינגאנצן, דאס איז דער עיקר יסוד וואס מ'דארף אין די טעג פארעכטן, ווען מ'קומט צום סליחות זאגן, און צום דאווענען, און צום לערנען, זאל עס אן אנדערע צורה האבן, מ'זאל זיין דערין, דבוק דערצו אינגאנצן, מ'זאל צוגיין אליץ נעענטער, זיך מקרב זיין צום אייבערשטן, נישט נאר אן אנדערן זאל מען מקרב זיין, זיך אליין זאל מען אליץ מער מקרב זיין, יעדן טאג זאל מען זיין נעענטער, דאס יודישקייט זאל זיין יעדן טאג מיט מער כוונה, מיט מער מחשבה, מיט מער רצון, מיט מער דביקות, מיט מער מדות, מער הארץ, טוב מעט בכוונה מהרבה שלא בכוונה, דאס וואס מ'טוט כאפעדיג, מ'לויפט, מ'שלינגט איין די ווערטער, איז כמעט גארנישט. אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים, מיינט מען, כאטש מעט בכוונה איז בעסער, אויב ער איז אבער מכוין לבו לשמים, קען מרבה אויך גוט זיין, אז ער איז מרבה, זאל עס האבן א צורה, ס'זאל זיין לבו לשמים, ס'זאל זיין מעומק הלב, ממעמקים קראתיך ה', אליץ טיפער און טיפער, ווי ס'שטייט ולעבדו בכל לבבכם, ס'שטייט נישט בכל לבכם, ווייל ס'זענען דא צוויי חלקים אין הארץ, די חיצוניות הלב און די פנימיות הלב, ס'זאל זיין בכל לבבכם, מיט פנימיות הלב אויך, ממעמקים, מיטן גאנצן עומק, מיטן גאנצן רצון זאל מען דינען דעם אייבערשטן.

**און** מ'זאל בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, ער זאל אונז ווייזן כסדר, ווי אזוי מ'קען זיך צו אים מדבק זיין מער, זיך קובע זיין מער, זיך איינזעצן מער אין תורה און תפלה, דער קול תורה וקול תפלה זאל גיין שטענדיג. דאס איז די גרעסטע ברכה, די גרעסטע עשירות, אויף דעם זאגן מיר, וטוב בעיניך לברכנו ולברך את כל עמך ישראל, מיט וואס זאל ער אונז בענטשן, ברוב עוז, מיט אסאך תורה, אין עוז אלא תורה, ושלום, און ס'זאל זיין מיט שלימות, מ'זאל קענען לערנען די תורה מיט שלימות, דאס הייסט מיט א שטארקע הבנה, מיט א שטארקע התמדה, מיט א חשקות, חשקות איז טייטש, אז דער מענטש קען נישט לעבן אן דעם, דאס איז דער אפטייטש פונעם ווארט חשק, אן דעם קען ער נישט אויסהאלטן.

**דאס** בעטן מיר ברוב עוז ושלום, מ'זאל זיין דבוק צו די תורה אזוי, אז מ'זאל נישט קענען אויסהאלטן אן דעם. און די לערנען איז מביא לידי מעשה, גדול התלמוד שמביא לידי מעשה, נישט נאר די מעשה וואס ער האט געלערנט, ווייסט ער מקיים צו זיין, נאר דאס לערנען ברענגט אריין אינעם מענטש א כח, ער זאל זיך קענען שטארקן קעגן יעדע זאך וואס איז קעגן די תורה, די תורה טוט פארשניידן, מכניע זיין די קליפות, זיי זאלן נישט האבן קיין שליטה, כת"ר תורה איז אותיות כר"ת, ס'פארשניידט די קליפה. די תורה איז דאך למעלה מן הטבע, איז עס מכניע די טבע און די תאוה פונעם מענטש, ס'גיט א כח אוועקצושטופן די זאכן וואס שטערן די תורה, אז מ'לערנט

די תורה, ווערן אלע נארישקייטן בטל, די תורה איז אן אור, כי נר מצוה ותורה אור, ס'שיינט אריין מ'זאל נישט זיין אין די טונקל, מ'זאל זעהן וואס מ'טאר נישט טון, המאור שבה מחזירו למוטב. און ווי די משנה זאגט, ומרחקתו מן החטא ומקרבתו לידי זכות, ומכשרתו להיות צדיק חסיד ישר ונאמן, סיי ווייל ער ווייסט די הלכה, דאס אליין אז ער ווייסט, איז אים מרחיק מן החטא, אבער אויסער דעם, ליגן אין די תורה די אלע מדות, צדיק חסיד ישר ונאמן, דורכן לערנען גייט עס אריין אינעם מענטש.

**אז** מ'וועט זיך אריינטאן אין תורה ותפלה אויף דעם אופן, וועלן מיר האבן מיט וואס צו קומען צום אייבערשטן, בעטן ער זאל אונז אפשרייבן א גוט יאר, ווי רש"י הק' זאגט אין פרשת כי תבוא, עשינו מה שגזרת עלינו, מיר האבן געטון און מיר וועלן ווייטער טון וואס מיר קענען, בעטן מיר, עשה אתה מה שעליך לעשות, השקיפה ממעון קדשך מן השמים וברך את עמך את ישראל, ער האט אונז ביז יעצט אויך געבענטשט, מיר בעטן ער זאל אונז ווייטער בענטשן, און אונז וועל מיר זיין ראוי צו נעמען די ברכה, וויבאלד מיר טוען מה שגזרת עלינו.

**זאלן** מיר זוכה זיין צוצוגיין צום היילגן טאג ווי ס'דארף צו זיין, מ'זאל קענען טון תשובה שלימה, השיבנו אבינו לתורתך וקרבנו מלכנו לעבודתך והחזירנו בתשובה שלימה לפניך, אפילו איינער האט זייער אסאך פוגם געווען חלילה, און אפילו ער ווייסט נישט וואס, ניצט אלץ תשובה, אז ער וויל זיך קערן צום אייבערשטן, העלפט אים דער אייבערשטער, ער זאל זוכה זיין צו תשובה שלימה, אין לך דבר העומד בפני התשובה, און מיט דעם כח וועט קומען א שפע שלימה, א גאולה שלימה, מ'זאל זוכה זיין צו א גמר חתימה טובה, בספר חיים ברכה ושלום, נזכר ונכתב לפניך אנחנו וכל עמך בית ישראל לחיים טובים ולשלום, מ'וועט קומען צו א גאולה כללית, און א גאולה פרטית דערוויל, ובא לציון גואל במהרה בימינו, ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד, אמן סלה. (תשנ"ז)

---

## בסעודת מוצאי יום כיפור

## תורה א

### - א -

רבינו זי"ע למד בספה"ק נועם אלימלך, בליקוטי שושנה:

**אקוה שמך כי טוב נגד חסידיך. נראה**, זאגט דער הייליגער רבי ר' אלימלך, **דהנה הצדיק כל עבודתו ומעשיו, הוא מעלה אותם למעלה למעלה**

להשם הוי"ה ב"ה, ס'איז פרחא לעילא, נישט נאר צום שם אלקים, נאר צום שם הוי"ה. וזה שאמר שלמה המלך ע"ה, אין כל חדש תחת השמש, פירוש, שצריך האדם להתגבר בעבודתו יתברך, כשהוא עושה איזה עובדא או מחדש חידושין דאורייתא, צריך לראות שלא תהא נשאר למטה תחת השמש, רק להעלותם למעלה מן השמש, אל השם ב"ה.

וזה יקוו המים מתחת כו' ותראה היבשה ויהי כן, ולכאורה יש להבין מה רבותא השמיענו הכתוב שהיה כן, היפלא מה' דבר. אך לפי דברינו הפירוש עולה כך, שכל זה עשה השי"ת ב"ה, כדי שיעשה אחר כך הצדיק דוגמת הדבר הזה. והיינו יקוו המים, דהתורה נקראת מים, וצוה השי"ת ב"ה, שיקוו ויכנסו התורה אל מקום אחד, רצונו לומר אל האחדות העליון, ועל ידי זה ותראה היבשה, רצונו לומר, כי ביבשה יהיה נראה הדבר הזה, אם התורה נקווה בשרשה, דהיינו שיהיו השפעות גדולות על ידי התורה או העוסק במצוה ההוא, ואז ידעו כי הוא השלימה מכל מום, ועלתה מעלה. וגם ותראה היבשה, שהבריות יהיו נראין יפין מכח העובדות ההם.

ויהי כן, פירוש, שזה היה כמו דבר הבטחה מהשם הטוב להצדיק, שגם הוא יהיה יכול לפעול כן. וזהו אקוה, מלשון ויקוו, שמך, פירוש כמו אל שמך, שאני מכנים כל מעשי אל שמך, צום שם הוי"ה כנ"ל, פי' כי על ידי זה בא טובה וברכה לעולם, זה הדבר הוא טוב לפני חסידיך.

זאגט ער, אז דער צדיק טראגט ארויף זיין עבודה, צום שם הוי"ה איז ער מעלה יעדע זאך, ס'איז פרחא לעילא, דאס טייטש ויהי כן, נישט נאר דער אייבערשטער האט עס געטאן, נאר ס'וועט אלץ אזוי קענען זיין, אז מ'וועט עס קענען מעלה זיין, ס'זאל זיין פרחא לעילא, און אז ס'איז פרחא לעילא איז דאך גוט, קומען דורך דעם אראפ אלע השפעות.

רבי ר' מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע, די יארצייט איז די וואך, איז ידוע דער דברי חיים זי"ע האט געזאגט אויף אים, ער ברויך נישט א מלאך זאל ארויפברענגן זיינע תפלות, עס מעלה זיין, ער ברענגט עס אליין ארויף.

רבי ר' מרדכי'לע האט אמאל געלאזט אליין מאכן ציצית, געלאזט אליין אפשערן די וואל, אלעם געמאכט מיט גרוים טהרה, און ער האט עס געשיקט א מתנה פארן הייליגן דברי חיים, דער דברי חיים האט עס באקומען נאנט צו שבת, ער האט עס ארויפגעקניפט מיטן קשר עליון, און ס'איז שוין געווארן שבת, האט ער עס אזוי

אנגעטון, האט ער דעמאלטס געזאגט דאס, די גרויסקייט פון רבי ר' מרדכי'לע, ער ברענגט זיך אליין ארויף זיינע תפלות.

**דער** בעל שם האט דאך אויך אליין ארויפגעטראגן, נישט נאר זיינע תפלות, ער האט מעלה געווען תפלות פון הונדערטער, אפילו טויזנטער יארן צוריק. אמאל איז דער בעל שם געקומען אין א בית המדרש, האט ער געזאגט, מ'קען נישט אריינגיין, ס'איז פול מיט תורה ותפלה, האבן זיי געזאגט, איז דאך גוט, האט ער געזאגט ניין, ס'גייט נישט ארויף, מ'דארף מעלה זיין די תפלות, ער איז אריינגעקומען מעלה זיין די תפלות.

**דער** הייליגער ראפשיצער זי"ע פלעגט זאגן, מוצאי יום הקדוש, אז ער הערט גארנישט, ער הערט נאר ווי די תפלות גייען ארויף, די תפלות ווערן דאך געלייטערט, ס'גייט העכער און העכער, זיי גייען פון עולם העשיה צו עולם היצירה, פון דארט צו עולם הבריאה, און צו עולם האצילות, ס'גייט, ס'גייט, צוביסלעך ארויף נאך און נאך.

**רבי** אברהם קאליסקער זי"ע, איז געווען א תלמיד פון רבי ר' בער ממעזריטש זי"ע, ער איז זייער א גרויסער מענטש געווען, ער האט געוואוינט אין טבריה, ער איז דארט נסתלק געווארן, ער ליגט אין טבריה. איז ער געגאנגען אמאל ראש השנה פאר תקיעת שופר, זיך טובל זיין אינעם כנרת, ער פלעגט גיין אסאך מאל, דעמאלטס האט ער זיך לאנג געזוימט דארט, ראש השנה פאר תקיעת שופר, נאכדעם איז ער צוריקגעקומען, ער האט געבלאזן שופר, געדאווענט מוסף. נאכן דאווענען האט ער פארציילט, וואס ער האט זיך געזוימט לאנג, ווייל דער שר פונעם כנרת, יעדע זאך האט א שר, למשל דער בארג סיני האט זיך געהאלטן קליין, דאס מיינט מען דער שר האט געהאט די מדה, די בערג האבן געוואלט מ'זאל אויף זיי געבן די תורה, אלץ מיינט מען די שר פון די זאך. על כל פנים, האט דער שר פון כנרת נישט געוואלט דורכלאזן די תפלות פון חוץ לארץ, ווייל מ'האט צו ווייניג צדקה געגעבן פאר ארץ ישראל יודן. האט דער קאליסקער געזאגט, איך זאג דיר צו, איך וועל נאך יום טוב מרעיש עולמות זיין, מ'וועט געבן פון חוץ לארץ אסאך צדקה, האט ער מסכים געווען דורכצולאזן די תפלות. די תפלות פון חוץ לארץ גייען אין כנרת אריין, פון דארט גייט עס ארויף צום מקום המקדש, פון דארט גייט עס ארויף אין הימל, צום מקדש של מעלה.

**על** כל פנים, האט ראפשיצער רב געזאגט ער קען גארנישט הערן, ווייל ער הערט ווי די תפלות גייען ארויף, מ'לייטערט עס, ער האט דאס געקענט הערן און זעהן. ס'איז נישט קיין פשוטע זאך, וואס ס'טוט זיך מיט די תפלות אלץ, די תפלות ברויכן אלץ נאך א זיכוך, אפילו ווען ס'איז שוין נתקבל געווארן, גייט עס נאך העכער, ס'איז

שוין געגאנגען נאך העכער, גייט עס נאך העכער. דער מלאך מט"ט ברענגט ארויף די תפלות, חנוך וואס איז געווען אויף דער וועלט, ער איז געווען מער ווי דריי הונדערט יאר אלט, ואיננו, ער איז געווארן דער מלאך מט"ט, ער טראגט ארויף די תפלות.

**זאל** מען זוכה זיין מעלה צו זיין די תפלות, ס'זאל זיין אקוה שמך, קודם די פשוטע פשט, מ'זאל האפן צום אייבערשטן ווי ס'ברויך צו זיין, און נאכדעם זאל זיין ווי דער רבי ר' אלימלך זאגט פשט, אז א מענטש טוט א מצוה, גייט עס ארויף אויבן, אקוה, ס'קומט זיך צוזאם דארט אויבן, יקוו אל שמך, ס'קומט אן צום שם הוי"ה, ס'שטייט נישט אקוה אלקים, נאר אקוה שמך, שמך מיינט דער שם הוי"ה, אזוי זאגט ער, ס'גייט ארויף צום שם הוי"ה, דורכדעם כי טוב, קומט אראפ גוטס אויף די וועלט, בא טובה וברכה לעולם.

**דאס** איז די עבודה, אז יודן טוען מצות ומעשים טובים, ברויכן זיי זעהן, ס'זאל פרחא לעילא זיין, כל תפלה עובדא ומלולא דאיהו בלא דחילו ורחימו לא פרחא לעילא, ס'דארף זיין אהבה ויראה, יראה ואהבה, דעמאלטס איז עס פרחא לעילא. יעדער לויט זיין מדרגה, וואס ס'מיינט ביי אים אהבה ויראה, אבער אהבה ויראה מוז זיין, דורכדעם האט אן עליה, יעדע מצוה, יעדע ברכה, יעדע פעולה.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, ס'זאל זיין לרצון אמרי פינו והגיון לבנו לפניך ה' צורנו וגואלנו, מ'זאל האבן אי"ה א גמר חתימה טובה, די תפלות זאלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון לפני אדון כל, מ'זאל האבן א נייע לעכטיג יאר, מ'זאל קענען דינען דעם אייבערשטן, און אלעס זאל פרחא לעילא זיין, ס'זאל זיין אנגענומען, וואס מ'טוט זאל זיין א נחת רוח פארן באשעפער. (תשנ"ו)

---

## תורה ב

### - א -

אחר שבירך רבינו זי"ע לחיים פתח ואמר:

**אלץ** ווען מ'זאגט לחיים, איז מען מעורר די בחינה פון יום כיפור, אזוי האט דער ראלזער רב (רבי יודא צבי) זי"ע געזאגט, אויף וואס זיין שווער דער עטרת צבי זי"ע האט געזאגט, אז ס'שטייט א מדרש, כשישראל שותין ואומרים לחיים הקב"ה מוחל עוונותיהם. האט דער ראזלער רב געזאגט פשט אין דעם, פארוואס איז מען מוחל עוונותיהם, ווייל אין די נוסח זכרנו לחיים, זענען דא עלף ווערטער, יעדן טאג פון די עשרת ימי תשובה דארף מען אינזין האבן איין ווארט, יום כיפור דארף מען אינזין האבן

די לעצטע צוויי ווערטער, אלקים חיים, אזוי שטייט פון אר"י הק' (פרע"ח שער ר"ה פ"א). אז יודן זיצן צוזאמען און טרינקן פון א כוס, 'כוס' איז בגימטריא 'אלקים', און מ'זאגט אויף דעם 'לחיים', איז מען מעורר די מדה פון אלקים חיים, וואס איז קעגן יום הקדוש, ממילא איז הקב"ה מוחל עוונותיהם של ישראל, אזוי ווי יום הקדוש.

**נאך** וועגן דעם ענין פון טרינקן לחיים, האב איך נאכגעזאגט פון בלאזשובער רב זי"ע (בעל לבי לבדיק), ער האט געהאט א זון דער ריבטיטשער (רבי יהושע) זי"ע, ער האט געהאט א זון רבי ישראל ז"ל, דער בלאזשובער רב וואס האט געוואוינט אין בארא פארק, ער איז געווען באלד הונדערט יאר אלט. האט ער פארציילט א מעשה אזוי, צו זיין פאטער דער ריבטיטשער רב, איז אריינגעקומען אמאל א יוד, וואס איז געווען העכער די ניינציג, אפשר זעקס און ניינציג יאר אלט, ער איז נאך געפארן צו זיין עלטער זיידן דער בני יששכר זי"ע. האט ער געפרעגט איז דא דא א טרינק בראנפן, ס'איז נישט געווען, האט ער געזאגט, ס'איז אזוי ווי א הויז וואס ס'איז נישטא קיין תפילין. דער ריבטיטשער רב האט זיך זייער מצער געווען אז ער זאגט אזא זאך, ס'קען נישט זיין סתם אזוי, ס'איז נישט סתם געזאגט, א יוד וואס איז נאך געפארן צום בני יששכר, ער זאגט ס'איז אזוי ווי ס'איז נישטא קיין תפילין, וואס מיינט דאס.

**האט** ער געטראפן דעם פאטער, דעם בלאזשובער רב, ער האט אים פארציילט, דער יוד איז געווען ביי מיר, און געזאגט אזא זאך, וואס פארא שייכות האט עס. האט דער בלאזשובער רב געגעבן א ציה מיטן שטערן, און געזאגט דערויף א רמז, 'יין שרף' באטרעפט וויפיל צעהן מאל 'מזוזה', מזוזה באטרעפט פינף און זעכציג, און יין שרף באטרעפט זעקס הונדערט און פופציג. און מ'ווייסט דאך, אלע ספירות גייען מיט צעהן, אין די קבלה ספרים שטייט אלץ וועגן די ספירות, אז יעדע זאך גייט מיט צעהן. ממילא אז ס'איז צעהן מאל מזוזה, טוט מען מיט יין שרף מעורר זיין די מצוה פון מזוזה, דאס הייסט די פרשיות שמע ואהבת וואס שטייען אין די מזוזה, און די פרשיות שטייען אויך אין די תפילין, איז עס אזוי ווי תפילין.

- ב -

**דער** הייליגער ראפשיצער זי"ע האט געזאגט, מוצאי יוה"ק הערט ער גארנישט, ווייל ער הערט די תפלות גייען ארויף, ער קען גארנישט הערן וואס מ'רעדט, ער הערט כסדר די תפלות גייען, מ'איז עס מעלה. אין עולם העשיה איז דא א פלאץ, א רוחני'ש פלאץ, וואו די תפלות גייען דארט אהין אריין, מ'טוט עס דארט דורכקוקן, מ'רייניגט עס אויס, און מ'טראגט עס אריין אין עולם היצירה, דארט טוט מען עס אויך אויסרייניגן,

מ'טראגט עס אריין אין עולם הבריאה, און אזוי ווייטער. דער ראפשיצער רב האט געזאגט ער הערט דאס, ער זעהט די תפלות גייען און גייען.

**און** אויף סוכות, איז ידוע אז דער ראפשיצער רב זי"ע האט יעדן טאג גערעדט פון סוכה, ס'איז יעדן טאג דא דער אור פון סוכות, מ'זאגט יעדן טאג ופרוס עלינו סוכת שלומך. סוכה באטרעפט דאך די צוויי שמות הוי"ה און אדנ"י, פינף און זעכציג מיט זעקס און צוואנציג, איז צוזאמען צ"א, די צוויי שמות אינאיינעם זענען פול מיט יחודים, מ'פארשטייט נישט וואס דאס איז, וואס פארא גרויסע זאך דאס איז, צדיקים האבן כסדר געארבעט מיט די יחודים.

**רבי** אייזיק'ל מקאמארנא זי"ע, איז געווען אמאל אויף שבת אין סאמבור, ס'איז שוין געווען נאך די פטירה פון רבי משה מסאמבור זי"ע, איז מען געקומען פרעגן א שאלה, א שכיב מרע האט געשריבן א גט, ס'איז געווען א שאלה דערויף. א גט שכיב מרע איז טייטש, ער גיט איבער א גט, אויב ער וועט שטארבן וועט עס חל זיין, וועט זי נישט ירש'נען די פארמעגן, ס'איז הא בהא תליא. האט מען נישט געוואוסט אויב ס'איז כשר דער שטר.

**האט** רבי אייזיק'ל געענטפערט אויף די שאלה, נאכדעם האט ער פארציילט אזוי, אזא שאלה איז פארגעקומען ביים פני יהושע, אויך אויף א גט וואס א שכיב מרע האט געמאכט, האט דער פני יהושע געענטפערט די שאלה, און געזאגט, אויף למעשה וועט עס נישט נוגע זיין, ווייל איך האב היינט מחדש געווען א חידושין דאורייתא, דאס גיב איך אוועק, דאס וועט מגין זיין דער שכיב מרע זאל האבן א רפואה, און אזוי איז געווען.

**האט** רבי אייזיק'ל געזאגט, איך האב היינט מייחד געווען א יחוד גדול, דאס וועט אויך מגין זיין, ער וועט האבן א רפואה, און אזוי איז געווען. זעהט מען וואס דאס איז דער כח פון יחודים פון די צדיקים.

**אין** די הקדמה אויפן זוהר חי, ברענגט זיין זון רבי אליעזר'ל די מעשה, ווען דער טאטע רבי אייזיק'ל, האט אנגעהויבן שרייבן זיין פירוש זוהר חי אויפן זוהר, ער האט דאך אליין געשריבן די אלע ספרים זיינע, נישט געלאזט שרייבן דורך א צווייטן. האט ער געשריבן קודם פיר דפים אויף די ערשטע צוויי שורות פון די הקדמת הזוהר, אין בראשית. איז אריינגעקומען א חולה, האט ער געזאגט וואס קען איך טאן פאר דעם חולה, די פיר בלעטער וואס איך האב געשריבן, גיב איך א מתנה, ער האט עס געשענקט פאר דעם חולה, און ער האט געהאט א רפואה. ער שרייבט דארט אויך, אז פון אנפאנג, האט ער נישט געוואלט עסן א גאנצן טאג, ווען ער האט געשריבן האט ער

געפאסט, שפעטער האט ער געזעהן ער האט נישט קיין כח צו פאסטן, האט ער געמוזט שרייבן אפילו ער האט נישט געפאסט.

**על כל פנים**, ס'איז שפעט, מ'איילט זיך, אויף וואס איילט מען זיך, מ'איילט זיך צו כאפן די שפע, די ישועה וואס קומט דורכן הייליגן טאג.

- ג -

רבינו מסיים דבריו במאמר מספר אוהב ישראל (לימים נוראים):

**זכרנו לחיים. ר"ת מספר הב"ל, מלך חפץ בחיים, ר"ת מספר נ'** (פרע"ח שער תפלות ר"ה פ"ז)**. והענין הוא, כי אף שבאמת צריך האדם להתפלל בראש השנה ויום הכיפורים על בני חיי ומזוני**, בני, פארוואס דארף מען בעטן אויף בני, זאגט ער, **כי כתיב ונהר יוצא מעדן להשקות את הגן, והאי נהר לא פסק מימיו לעלמין, ואדם הרוצה להיות מרכבה להאי נהר, צריך הוא להתפלל על הבנים. וגם על חיי ומזוני צריך האדם להתפלל, כי זולתם אי אפשר להיות נמצא בעולם.**

**אבל כל זה צריך להיות בבחינת סוף וטפל, ועיקר התפלה צריך להיות בראש השנה ויום הכיפורים דווקא על בנין בית המקדש שיבנה במהרה בימינו, ועל גלות השכינה, ובל יהיה מחשבתו על עצמו ח"ו**, נאר אויף די שכינה, חיי ומזוני, מוז ער דאך האבן, ער זאל קענען עקזעסטירן, דאס איז זייער פיין, אבער דאס איז נאר די סוף, דער עיקר דארף מען בעטן פאר די שכינה, אז די שכינה איז דא, ברויך מען שוין גארנישט.

**ואם יאמר האדם מה לי לבנין בית המקדש**, דער תירוץ איז, **דע מה שאמרו חז"ל, כל דור שלא נבנה בית המקדש בימיו כאלו נחרב בימיו, והרי אנו ח"ו כאלו אנחנו המחריבים את הבית המקדש**, ממילא האט ער א שייכות צו מתפלל זיין, **לכך צריך האדם להשים עיקר מחשבתו ותפלתו על בנין בית המקדש שיבנה במהרה בימינו, ואז יתגלה מלכותו בעולם**, די גאנצע וועלט וועט וויסן ווער דער באשעפער איז, **ויתגלה ההבל העליון הקדוש, סוד כי על כל מוצא פי ה' יחיה האדם.** אין קהלת שטייט אלץ הבל, פשוט מיינט עס הבל נארישקייטן, אבער גרויסע אורות, כחות פון קדושה ליגן אין דעם הבל, הבל איז א געוואלדיגע הויכע זאך, ווען ס'איז קאלט גייט א וואלקן פון די מויל, אין דעם הבל ווערט געצייכנט די מעשים פונעם מענטש, ס'ליגט אין דעם הויכע זאכן.

**וזהו מה שאנו מתפללים זכרנו לחיים, שר"ת מספר הבל**, ס'זאל נתגלה ווערן די הבל העליון הקדוש, **שהוא החיים העיקרית, וגם אנו מתפללין על נ' שערי**

**בינה, בחינת תשובה, שיתגלו בעולם, והבן.** דאס איז דער עיקר, מ'זאל מתפלל זיין אויף די שכינה, און אויף די נון שערי בינה, דאס איז תשובה, דער אייבערשטער זאל העלפן, מ'זאל זוכה זיין צו תשובה עילאה, מ'זאל קענען יעדע רגע מהנה זיין דעם אייבערשטן, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן. (תשנ"ז)